# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

110 - 111

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תּל־אָבֿיבֿ

1983

ק. צעטניק / תל־אָבֿיבֿ

# די ווידוי פֿון אַ שרײַבער

והחוט המשולש לא במהרה ינתק

קהלת ד׳, יב.

דרײַ זענען מיר געווען.

שמואל נאַדלער — מיר האָבן אים גערופֿן מוניע; אלימלך שטײַער — מיר האָבן אים גערופֿן מיילעך; מיך — האָט מוניע, אַ ביסל שאַרזשיק, אַ ביסל גוטמוטיק, גערופֿן ,ציניסט׳; פֿאַר וואָס געבנדזן־פּיסלעך? ווײַל מוניע האָט גוט געוווסט, אַז איך בין נישט קיין הערצל־ציוניסט, נאָר אַ נחמן בראַסלעווער־ציוניסט.

דרײַ זענען מיר געווען. מיילעך האָט אונדז גערופֿן: דער ,מזומן׳.

מיילעך שטײַער האָט געריסן ,קריעה׳ פֿון זײַן בעקעשע. ער איז געזעסן ,שיבֿעה׳ אין מײַן דאַכשטיבל ווי אַן אָבֿל. זײַנע שטענדיק אַראָפּגערוקטע ברילן — טרעריק נאָס: „מוניע... מוניע...” — האָט מיילעך שטײַער נישט געפֿונען אַ טרייסט — „טרוף טורף מוניע...”

צו מאָרגנס, נאָך דעם ווי די צײַטונגען זענען אַרויס מיט דער ידיעה וועגן דעם סענסאַציאָנעלן אַרויסטריט פֿון רעליגיעזן פּאָעט שמואל נאַדלער אין ליטעראַטן־פֿאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13, אַז ער געזעגנט זיך מיט זײַן נעכטיקער וועלט, גייט אַריבער צו דער מאָרגנדיקער וועלט פֿון קאָמוניזם, האָט אין מיטן דער נאַכט געקלאַפּט אין מײַן טיר מיילעך שטײַער, אָקערשט אָנגעקומען מיט דער באַן פֿון זײַן גאַליציאַניש שטעטל מיעליץ, אַ מהלך רבֿ ביז קאָנגרעס־פּוילן, און אַן ווערטער אַרײַנגעפֿאַלן אין מײַנע אָרעמס מיט אַ געוויין ווי נאָך אַ לײַבלעך געשטאָרבענעם.

ביזן סוף פֿון זײַן לעבן האָט מיילעך שטײַער נישט געפֿונען קיין טרייסט צו דער אַבֿדה. לגבי אים איז אונדזער מוניע נישט געווען ווי בן־זומא, וועגן וועמען די חז״ל זאָגן: הציץ ונפֿגע, נאָר ווי בן־עזאי, אויף אים ווערט געזאָגט: הציץ ומת.

— ווי אַזוי, אוי, ווי אַזוי באַגעגנט זיך מוניעס „וועג צו זון” אויף די פֿליגלען פֿון אַ בעש״ט־סימפֿאָניע, מיטן וועג צו יאָסיף סטאַלין, די בלוטיקע זון פֿון די פֿעלקער? — האָט מיילעך שטײַער מיך קלאָגנדיק געפֿרעגט.

דרײַ זענען מיר געווען. קיינער פֿון אונדז האָט נישט אַרויסגעלאָזט פֿון האַנט אַ ליד צום דרוק, אויב ס׳איז נישט פֿריִער געלייענט געוואָרן און מיט מזומן געבענטשט געוואָרן. די טעג און נעכט פֿון אונדזער מזומן־צוזאַמענטרעפֿן אין מײַן דאַכשטיבל, האָבן דערנאָך געלויכטן אין די פֿינצטערסטע טעג פֿון מײַן לעבן.

איך דערמאָן מיך איצט, נאָך אונדזערן אַ צוזאַמענזײַן, לעבן דער טיר, האָט מוניע צו מיר געזאָגט:

— גיב מיר די העפֿטלעך. אין דער היים, נאָך אַ גוטן מעיין זײַן אין דײַנע לידער, וועל איך זיי דיר צוריקשיקן.

אַנשטאָט די העפֿטלעך האָט מוניע מיר צוריקגעשיקט אַן אָפּגעדרוקטן לידערבאַנד, אַרויסגעגעבן אין פֿאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַרשע. מוניע האָט געוווּסט מײַן נעגאַטיווע שטעלונג לגבי אַן ערשטלינג פֿון אַט די לידער צווישן טאָווילען. ער האָט זיי דעריבער בסוד איבערגעשיקט דורך ישׂראל שטערן צו יעקבֿ פּאַט. דער אַ פֿאַקט כאַראַקטעריזירט גוט דעם שפּעטערדיקן שמואל נאַדלער. ער, דער איינציקער פֿון אונדזער מזומן, האָט זיך געקאָנט אַזעלכעס דערלויבן, וויסנדיק אַז נישט אַזוי האָב איך מיר פֿאָרגעשטעלט דאָס אַרויסגעבן פֿון מײַן ערשטן לידערבאַנד.

מיילעך שטײַער איז געווען אַן אָפּגעהיטענער ייִד, אַ שומר־מיצוות, בקלה כבחמורה.

— פֿאַר וואָס האָט מוניע אונדז נישט מודיע געווען פֿריִער? מיר וואָלטן אים געקאָנט ראַטעווען. רבונו־של־עולם, פֿאַר וואָס אַזאַ שטראָף? — האָט מיילעך שטײַער געטענהט.

איך האָב געשוויגן. איך האָב נישט געקאָנט אים דערציילן, אַז דאָ, אינעם דאַכ־שטיבל, האָט מוניע פֿאַר מיר אויפֿגעריסן זײַן האַרץ. מוניע האָט געוווּסט, אַז מיילעך שטײַער וועט נישט אין שטאַנד זײַן צו פֿאַרשטיין דעם טראַגישן ערד־ציטערניש־ריס וואָס קומט פֿאָר אין זײַן נשמה. צו מיר איז ער געקומען. איך בין שוין דעמאָלט געווען נאָך ישיבֿת־חכמי־לובלין; אַן אַבסאָלווענט פֿון קאָנסערוואַטאָריע. צו מיר, דעם ,ציניסט׳, איז מוניע געקומען בעטן מחילה וסליחה. פּלוצלינג האָט מוניע אָנגעהויבן רעדן צו מיר העברעיִש: — אונדזער מזומן וועט בלײַבן אייביק אין מײַן האַרץ הייליק! דער דרײַפֿאַכיק געפֿלאָכטענער פֿאָדעם וועט קיין מאָל נישט ווערן צעשיידט!

אין פּײַניקונגס־קעלער פֿון געשטאַפּאָ אין פּאַריז, איידער ער איז דערשאָסן געוואָרן, צי האָט שמואל נאַדלער — שיינגײַסט, אינטעלעקטואַל, פּאָעט און קאָמוניסט — געזען די פּנימער פֿון זײַן מזומן? און מיילעך שטײַער, מיט דער ריינער נשמה פֿון אַ קינד, בשעת זײַן לעצטער רגע אין גאַזקאַמער, ווען אַ פֿילם־לענטע, די לענג פֿון אַ לעבן, בליצט דיר פֿאַרבײַ כהרף־עין, צי האָט ער געזען מוניעס פּנים און מוחל געווען?

מוניע... מיילעך... — אויפֿן אוישוויצער אַפּעלפּלאַץ, אין ריי צו דער קרעמאַטאָריע, האָב איך אײַערע פּנימער געזען?

מיילעך שטײַער האָט געקאָנט די וועגן אין דער דײַטשער ליטעראַטור, ווי שמואל פֿון נהרדעא האָט געקאָנט די וועגן אין אַסטראָנאָמיע. לצנותדיק האָט מוניע אײַנגעטיילט צווישן אונדז די פֿאַקולטעטן. מיילעך שטײַער — דײַטשע ליטעראַטור. פֿאַר זיך גופֿא האָט מוניע גענומען די פֿראַנצייזישע ליטעראַטור. אינטערעסאַנט: באַלד נאָך זײַן אַרויסטריט אין ליטעראַטן־פֿאַראיין, איז מוניע געוואָרן רעדאַקטאָר פֿון אַ קאָמוניסטישער צײַטונג אין פּאַריז. צי האָט ער מיט יאָרן פֿריִער שוין דאָס פֿאָרויסגעפֿילט? דעם ,ציניסט׳ — האָט מוניע אָפּגעפּסקנט דעם ענגלישן פֿאַקולטעט: טי עס עליאָט, פּאַונד. קאַלטע, בלאָנדזשענ־דיקע נשמות.

על־פּי־רובֿ האָט מיילעך צו אונדז געשיקט די פּאָסטקאַרטלעך: אין דעם אַדער יענעם טאָג רוף איך צונויף דעם מזומן. מוניע האָט מיילעכן גערופֿן צנא דמלא ספרא. מיילעך איז באמת געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע. מוניע פֿלעגט זאָגן אַז די קיניג־לעכע ביבליאָטעק אין לאָנדאָן איז אײַנגעבונדן אין פּליוש, דהײַנו אונטערן גאַליציאַ־

ניש־פּליושענעם קאַפּעליוש אויף מיילעכס קאָפּ. אַז מיר זענען געווען אין גוטן מוט, האָט מוניע אַ נעם געטאָן פֿון די פּאָליצעס אַ גמרא, געעפֿנט ווו עס לאָזט זיך, געלייענט אַן עמוד, און מיילעך האָט דערנאָך, אויף אויסנווייניק, געלייענט דעם זעלביקן עמוד אויף צוריק. וואָרט בײַ וואָרט אויף צוריק. מיילעך האָט צוויי מוחות — האָט מוניע געזאָגט.

מיילעך שטײַער איז געווען אַ יונגער גאָון. הגם נישט אַ סך עלטער פֿון מיר אין יאָרן, האָב איך מיט דאָרשט געטרונקען פֿון זײַן נישט־אויסשעפּיקן וויסן ווי פֿון אַ לעבעדיקן קוואַל. אין מײַן זכּרון איז אײַנגעקריצט זײַן עסיי, אַן אַנאַליטיש־פֿילאָסאָפֿישע באַלײַכטונג, נאָך דעם ווי מוניע האָט פֿאַר אונדז געלייענט דעם מאַנוסקריפּט פֿון זײַן בעש״ט־סימפֿאָניע. דעמאָלט האָב איך געלערנט די קלאַסישע פֿאָרמל, ווי אַזוי אַ קרי־טיקער און פּרשן דאַרף באַלײַכטן אַ קינסטלערישע שאַפֿונג.

קירקעגאַרד און וויטגענשטיין, מיילעכס ליבלינגען אין יענע טעג, כּמעט צוויי סתּירותדיקע תּורות. און פּלוצלינג אַ קאָנצענטרירונג פֿון אַט די צוויי אין מיילעכס פּראָ־זשעקטאָר אויף דער בעש״ט־סימפֿאָניע.

— אָבער מיילעך — האָט זיך פֿון מײַן מויל אַרויסגעריסן די שאלה — זאָג מיר, ווי אַזוי פֿירט מען אַדורך דעם העלפֿאַנד דורכן לעכל פֿון דער נאָדל? ווו איז דאָ דער סינטעז? — האָב איך נישט פֿאַרשטאַנען.

מיילעך האָט אַ רוק געטאָן צו די אויגן די תּמיד אַראָפּגערוקטע ברילן. ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געקוקט פֿון אויבן אַראָפּ; אַ קוק פֿון אַ לערער צו אַ תּלמיד מיט אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ:

— וויטגענשטײַנס לאָגישער פּאָזיטיוויזם — האָט מיילעך מיט מיר געקנעלט — איז נעגאַטיוו אין יסוד; קירקעגאַרדס תּורה לערנט: די איינציקע זאַך וואָס איז מחוץ אונדזער געדאַנקען־סיסטעם, איז דער קיום (עקסיסטענציאַליזם), און ווײַל קירקעגאַרד, להיפּוך צו וויטגענשטיין, ציט זײַן יניקה נישט פֿון מאַטעמאַטישן שׂכל, נאָר פֿון אמונה, איז דעריבער דער צוזאַמענטרעף פֿון פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו אין דער בעש״ט־סימפֿאָניע אַן עמפּיריש שלמות, ווי דאָס שלמות פֿון פֿויערישע שטיוואַלעס אויף די בעש״ט־פֿיס; דער שטריק אַרום שאָפּנפּעלצל אויף זײַנע לענדן; און דער סינטעז? ער איז אין דעם ניגון פֿון וואַלד.

— איכה, ווי אַזוי איז אַט די בעש״ט־סימפֿאָניע געגאַנגען אין געפֿאַנגענשאַפֿט צו סטאַלין? — האָט מיילעך נישט געלאָזט זיך טרייסטן — ווי אַזוי איז די מנורה אַוועק אין טויער פֿון טיטוס? מוניע... מוניע... בוצינא דקרדנותא...

די צוויי אַרמישע ווערטער ציטערן אויף אין מײַן זכּרון. נישט ווײַל דעמאָלט ווען זיי זענען געזאָגט געוואָרן, און אַוודאי נישט הײַנט, בין איך מסכּים מיט מיילעכס פּירוש צו דעם זוהר־טערמין, כּדי דערפֿון צו דרינגען, אַז מוניעס אַרויסטריט איז געווען אַ סימפּטאָם פֿון אַ טראַגישער ליבע. ניין! טויזנט מאָל ניין! מוניע איז צוליב יענער איבערלעבונג נישט געווען דערשלאָגן. אַדרבה, אין יענע טעג האָט ער געשאַפֿן אַ גיגאַנטישע יצירה, וואָס ער האָט געשריבן אין אַרמיש. הגם ער האָט גוט געקענט ייִדיש, און געווען אַן אויסגעצייכנטער העברעיִש־קענער, האָט אַזאַ ווערק געקאָנט געשאַפֿן ווערן נאָר בלשון־הזוהר, מסתּמא וועדליק דעם זעלביקן טעם פֿון די מפֿרשים, פֿאַר וואָס אַקדמות איז געשאַפֿן געוואָרן אין אַרמיש.

שמואל נאַדלער איז געווען אַ רעליגיעזער פּאָעט און דער אָביעקט פֿון זײַן ליבע — אַן אשת־איש.

— אַז די באַוואָרענישן פֿון לולא דמיסתפינא — האָט מיילעך דעמאָלט געזאָגט — בין איך גרייט צו דערקלערן, אַז מוניעס יצירה שטייַגט אַריבער ביאַליקס וויטיק, וואָס באַהאַלט זיך אין „הבריכה״ און שרייַט אַרויס פֿון „מגילת האש״, ביזן ייִאוש פֿון „הכניסיני״, ווייַל בשעת ביאַליקס וויטיק שלאָגט זיך אָפּ אין די ווענט פֿון בית־המדרש, זענען מוניעס אָרעמס אויסגעשטרעקט צום אין־סוף.

שווער, אין דער ענגער רעם, מאריך צו זייַן איבער מוניעס חיבוטי־אהבה אין יענע טעג. איך בין אָבער נישט פּטור אָנצומערקן פֿאַר יודעי־דבֿר עטלעכע מראה־מקומות, ווו עס באַהאַלטן זיך די שרשים וואָס אויף זייערע צווייַגן האָט געבליט מוניעס יצירה, והמבין יבין.*

אין מייַן האַנט האָט מוניע אָנפֿאַרטרויט דאָס ווערק (אַן אַ נאָמען), אַן אוצר נישט אָפּצושאַצן; דאָס איז געווען ערבֿ מייַן עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס די מלחמה האָט איבערגעריסן. אונדזערע ידידים בנימין מינץ, בעיקר דער פּאָעט מאיר ווידיסלאַווסקי (וו. לייַכטער) האָבן געזאָלט זייַן די פֿאַרלעגערס. אין מייַן האַנט איז געווען דאָס שליחות און פֿון מייַן האַנט איז דער אוצר אַראָפּ אין תהום.

◉

צו מאָרגנס, נאָך מייַן אַנטרינען פֿון אוישוויצער טויטנמאַרש, אויף מייַן וועג פֿון אוישוויץ קיין ארץ־ישראל, דער אוישוויצער תּכריך האָט נאָך אַרומגעהילט מייַן מוזלמענישן סקעלעט, האָבן מייַנע פֿיס, פֿון זיך אַליין, מיך געפֿירט צו דער טריטער, ווייַסער, מיט שניי באַדעקטער געטאָ. צוויי הייליקייטן האָב איך דאָרטן נאָך מיר איבערגעלאָזט, פֿאַרבאַהאַלטענע: מוניעס יצירה און דאַניעלאַס טאָגבוך פֿון דייַטשן „פֿופּנהאַוס״. איך האָב זיי מיט מיר געטראָגן איבער די אָפּגעווישטע גרענעצן פֿון אייראָפּעס חרובֿע שטעט און מדינות, ביז איך בין דערגאַנגען צום טייַך פֿון עסטרייַכישן גראַץ, דער גרענעצטייַך צווישן רוסישע און אַלייִרטע באַזעצטע שטחים. אויף דער טייַך־אייבערפֿלאַך זענען אַרויס רויטע בלוטפּלעקן פֿון דערשאָסענע דורך דער רוסישער גרענעצוואַך. איך בין געשווומען אונטער דער וואַסערפֿלאַך און מוניעס יצירה, גאונות און תּפֿארת פֿון מענטשלעכן גייַסט, איז אַראָפּ אין תהום.

שוין דרייַ צענדליק יאָרן מאַך איך אַן אויפֿהער פּרוּוון צו רעסטאַווּרירן על־כל־פּנים מיילעכס אַנאַליז וועגן מוניעס שאַפֿונג, אַן אַנאַליז ווי די השׂגות פֿון ראב״ד צום רמב״ם, נאָר באַלד ווי איך נעם די פּען אין האַנט אַנטפּלעקט זיך מייַן מינערוועַרטיקייט, איך בין ווי שטויב אונטער זייערע היידנס פֿיס, און די פּען פֿאַלט אָנמאַכטיק פֿון מייַן האַנט. צי וועל איך שוין אייביק טראָגן אין זיך די שווערע משׂא פֿון שולדיקייט?

◉

אַקוראַט מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט דאָס פּאַסירט: בשעת איך האָב געהאַלטן אין מיטן שרייַבן אַ באַשטימטן פּרק איבער אַ פֿאַרלוירענער צייַט, האָט מיך פּלוצלינג געוואָרגן אַ בענקעניש צום מזומן. אין יענער נאַכט האָב איך פֿון מיר אַרויסגעווייִנט אַ

* זוהר, פּרשת אחרי מות, ע״ח, ע״ב; ספר היצירה, פּ״ג, הגר״א; זוהר חדש, פּרשת ואתחנן ופּרשת כי תצא; אידרא רבא, פּרשת נשא; מדרש הנעלם, שה״ש; מורה נבוכים, ח״ג, פּרק מ״ט; זיגמונד פֿרויד; פּסיכאָגענעטישע און סטרוקטוראַלע מאָדעלן; אַנרי בערגסאָן: מאָראַל־ און רעליגיע־וואָרצלען; פּיער ראָנסאַר, אַנאַקרעאָן.

אײַך האָב איבער זיי אָנגעשריבן אַ קעפּל: ,מלך שטײַער׳ און אויף קליינע צאָל שורות, איך האָב איבער זיי אָנגעשריבן אַבֿרהם סוצקעווערן. צו מאָרגנס זיי איבערגעגעבן אַבֿרהם סוצקעווערן.

אין יענע טעג פֿלעגט איציק מאַנגער פֿון צײַט צו צײַט זיך אַרײַנכאַפּן צו מיר. מאַנגער האָט געוווּסט אַז ער דאַרף זיך מתנזר זײַן פֿון דער כּוסע און פֿון ציגאַרעטן, נאָר בײַ מיר אין שטוב איז ער געווען אַ פֿורק־יעול. הפֿקר. ער האָט דאָס מיר אויך בפֿירוש מסביר געווען: בײַ מיר האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ גראַטעוועטער פֿון אוישוויץ, הגם איך גופֿא האָב קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזט אַרום זיך צו דער סבֿיבֿה אַזאַ סאָרט שטימונג. דאַכט זיך אַז להיפּוך. אָבער מאַנגערס נשמה האָט אַזעלכעס באַנומען דורך גאָר אַנדערע צינורות.

— זאָג מיר, טײַערער, — האָט מאַנגער אין מיר אײַנגעשטאָכן די אויגן — אין אוישוויץ האָט דיך נישט געקרענקט, הלמאַי דו האָסט נישט געזופּט פֿיר און צוואַנציק שעה פֿון פֿלעשל, בשעת דו ביסט געווען אויף דער פֿרײַ? בשעת דו האָסט דאָס געקאָנט טאָן און דו האָסט עס נישט געטאָן?

אוי, ווי תּהומותדיק טיף האָט דעמאָלט איציק מאַנגער באַנומען דעם בראָך און די קדושה פֿון אונדזער לעבן אויף דער דאָזיקער ערד. דעריבער טאַקע, — אַ פֿלעשל אויפֿן טיש, כּל־זמן דו קאָנסט. די צײַט איז קורץ.

אויפֿן טיש איז אויך געלעגן דער נײַער נומער די גאָלדענע קייט, וואָס די פּאָסט האָט נאָר וואָס געבראַכט. האָט מאַנגער, אין איין האַנט געהאַלטן אַ רייכערדיקן ציגאַרעט און אַ גלעזל משקה — מיט דער אַנדערער האַנט געמישט די בלעטלעך פֿון זשורנאַל. ער האָט זיך מסתּמא אַנגעשטויסן אין מײַנע שורות וואָס האָבן פֿאַרנומען קוים אַן איינציק זײַטל. זײַנע אויגן זענען געגאַנגען איבער דער קנאַפּער צאָל שורות. איך האָב בעת־מעשׂה געטראַכט: סאַראַ גוואַלדיקער שינוי פֿון דעם אַמאָליקן ווילד־קאָכיקן מאַנגער, פֿון דער פֿאַראוישוויצער וועלט. הײַנט רעדט מאַנגער שטיל, פּאַמעלעך, די ווערטער קומען אַרויס פֿון דער טיף.

נאָכן איבערלייענען די שורות האָט מאַנגער ווי פֿון אַ זײַט, פּאַמעלעך געלאָזט פֿאַלן:

— צו וואָס דאָס קעפּל ,מלך שטײַער׳? צו וואָס די מליצה? ראַוויטש האָט געדאַרפֿט דעם סימבאָל ,מלך׳. דאָ אָבער צערײַסן די ווערטער אַלע נערוון פֿון מענטשלעכן סיסטעם. צו וואָס דער ,מלך׳? צו וואָס דער ,שטײַער׳, ווי באַריישאָס ,גייער׳? דאָ שטערט די קינסטלעכע מליצה.

ס׳האָט מיך פֿאַרקוועטשט בײַם האַרץ. מלך שטײַער. ווי עס וואָלט אַזאַ מענטש קיין מאָל נישט געווען. אַ קינסטלעכע מליצה. אויב איציק מאַנגער ווייס נישט וועגן אים, ווייס דאָך קיינער נישט אויף דער וועלט, אַז אין אַ גאַליציאַנער שטעטל אין פּוילן האָט געברענט דאָס ליכט פֿון אַ גאון מיט אַזאַ נאָמען. איך האָב נישט געפֿונען קיין וואָרט אָפּצוענטפֿערן מאַנגערס טעות. מיר איז פֿאַרלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז מאַנגער קאָן טראַכטן וועגן מײַן שווײַגן, אַז כ׳פֿיל זיך געטראָפֿן פֿון זײַן קריטישער באַמערקונג. נאָר דאָס פֿעלט מיר איצט!

◉

דאָס האָט פּאַסירט בערך אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן. איציק מאַנגער און משה בראָדערזאָן זענען אַרויסגעטראָטן אין לאָדזשער פֿילהאַרמאָניע־זאַל. מיילעך איז

געווען פֿאַרכאַפּט פֿון מאַנגערס פֿאָלקלאָר, און פֿאָלקלאָר איז געווען מײַלעכס ספּעציאַליטעט.

— איך וואָלט געוואָלט כאַפּן אַ שמועס מיט דעם יאַט! — האָט מײַלעך אָנגענומען מאַנגערס לשון. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי פּשוט. דער גאַליציאַנער־חסידישער לבֿוש האָט אין קאָנגרעס־פּוילן היפּשלעך געצויגן אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס אַרײַנשמוגלען זיך אין אַ פֿינצטערן קינאָ, כּדי צו זען האַרי באַוער, עמיל יאַנינגס, אָדער פּאָל מוני, איז געווען אַ סך פּשוטער ווי אַרײַנצוגיין אין באַלויכטענעם פֿילהאַרמאָניע־זאַל. וואָס זוכט אַ כּהן אויפֿן בית־הקבֿרות? אָבער אַ פֿאַקט: מיר האָבן פֿאַרבראַכט מיט מאַנגערן אַ לאַנגן אָוונט. מאַנגער איז אַרויס פֿון די כּלים. ער האָט נישט געגלייבט זײַנע אויגן און אויערן. אַ גאַליציאַנער כניאָק! אַ ישיבֿה־בחור! און אַזאַ אומאויסשעפּיקער קוואַל פֿון וויסן. פֿון וואַנען? פֿון וואָס? מאַנגער האָט זיך פֿאַרכליניעט מיטן טרינקען פֿון דעם שפּרודלדיקן קוואַל. ווײַזט אויס אַז ער האָט שוין דעמאָלט געניוכעט דעם פֿאָלקלאָרישן ריח פֿון פֿעלקער.

◉

— מאַנגער, — האָב איך איצט, נאָך אַ ווײַלע פֿון שווײַגעניש שטיל געזאָגט — געדענקסט, אַ מאָל, פֿאַר דער מלחמה, מיר האָבן צוזאַמען פֿאַרבראַכט אַן אָוונט אונטער שטערן אויף אַ דאַכשטיבל; מיט אונדז איז געווען אַ גאַליציאַנער ישיבֿה־בחור, געדענקסט?

פּלוצלינג האָט מאַנגער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו מיר. זײַנע סומנע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. זײַן מויל אָפֿן, ווי אין דערוואַרטונג, אַ שטייגער אַ לעבן־לאַנג איז אַט דער ישיבֿה־בחור אים געקומען צו חלום. זײַן פּנים איז געווען אָנגעשפּיצט, ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פֿון מיר, בשעת זײַן האַנט האָט אַוועקגעשטעלט דאָס גלעזל אויפֿן טיש, כּדי אַלע אבֿרים זאָלן זײַן פֿרײַ צו הערן.

— זײַן נאָמען איז געווען מלך שטײַער — האָב איך שטיל געזאָגט.

ס'איז געווען אַ שווײַגעניש וואָס האָט געשניטן ווי אַ חלף. מאַנגער האָט געקײַט דעם עק פֿון ציגאַרעט מיט די ציין. ער האָט נישט געזויגן דעם רויך. דער געלער טאַבאַק — נאַס און צעשיט אויף זײַנע ליפּן. ער האָט נישט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צום גלעזל אויפֿן טיש. זײַנע אויגן — צום אָפּגעדרוקטן זײַטל מיט מײַנע שורות אין די גאָלדענע קייט. אפֿשר צום קעפּל „מלך שטײַער", אפֿשר נאָך אַ מאָל אויף ס'נײַ געלייענט די שורות. איך ווייס נישט. ער האָט מער נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. דערנאָך האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, נישט געזאָגט קיין וואָרט און אַרויס פֿון שטוב.

אין אַשבעכער איז געבליבן אַ נאַסער, צעריסענער ציגאַרעט, טאַבאַק־פֿעדעם ווי בעבעכעס פֿון אַן אָפֿענעם בויך. אויפֿן טיש איז געבליבן אַ נישט־פֿאַרענדיקט גלעזל וויסקי, דערלעבן, אַן אָפֿענע, די גאָלדענע קייט.

איך האָב מאַנגערן מער נישט געזען בײַם לעבן.

◉

אַנומלט האָט מיר אבֿרהם סוצקעווער געזאָגט: איך וואָלט גערן געוואָלט געבן אַ זאַך פֿון מלך שטײַער. איר האָט אים דאָך געקענט, שרײַבט אַ פּאָר ווערטער וועגן אים.

מײַנע הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן. איך האָב נישט געגלייבט מײַנע אויערן:

— איר, סוצקעווער, האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק געוווּסט, אַז מלך שטײַער איז אַ נאָמען פֿון אַ מענטש, נישט אַ שרײַבערישע מליצה? — מיר איז פֿאַרבײַ אַ געדאַנק, צי האָט ער וועגן דעם נישט געהערט פֿון איציק מאַנגער, נאָר באַלד איז געוואָרן קלאָר.

— נישט נאָר איך האָב געוווּסט — ענטפֿערט סוצקעווער — איך האָב אויך אַן עקזעמפּלאַר פֿון מלך שטײַערס אַ בוך, מסתּמא דער איינציקער עקזעמפּלאַר אויף דער וועלט.

איך האָב פֿאַרלוירן ס׳לשון. נישט בלויז דער עקזעמפּלאַר איז אַן אוניקום, נאָר אויך אַבֿרהם סוצקעווער גופֿא. ער איז אַוודאי דער איינציקער וואָס האָט אַפֿילו מיט צוואַנציק יאָר צוריק געוווּסט, אַז מלך שטײַער איז אַ נאָמען אויף אַ געשטעלטער מצבֿה.

— נו, זאָגט, גיט מיר אַן ענטפֿער — האָט סוצקעווער בײַ מיר געמאָנט — איר וועט שרײַבן? איך וויל האָבן אַ קלאָרן ענטפֿער: איר וועט שרײַבן, יאָ צי ניין? איך האָב פֿאַרלוירן ס׳לשון. איך האָב נישט געענטפֿערט.

◉

דרײַ זענען מיר געווען. שמואל נאַדלער פֿון גלינע, — מיר האָבן אים גערופֿן מוניע; אלימלך שטײַער פֿון מיעליץ, — מיר האָבן אים גערופֿן מיילעך; מיך האָט מוניע גערופֿן ,ציניסט׳.

פֿון יענע דרײַ איז קיינער נישט געבליבן.